**גוט שבת אלע אידן.** אונזער מעשה הייבט זיך אן אין דעם שטאט בת-ים בערך 15 יאר צוריק. דער מעשה איז געשען מיט א פרייען בחור, לאמיר אים רופן "ברוך." כאטש אפילו אז ברוך איז אויפגעוואקסן אין דעם הייליגן לאנד, האט ער נעבאך קיינמאל נישט באקומען קיין ריכטיגע אידישע חינוך. אפילו אז זיין מאמע האט איבערגעלעבט די מלחמה, און זיין טאטע איז אויפגעוואקסן פרום, האט די משפחה כמעט נישט געהאט קיין אידישקייט אינדערהיים.

ברוך איז נישט געווען אזוי ווי אלע אנדערע בחורים. מען האט געזאגט אויף אים אז ער האט אן אינטערסאנטע "כח". ער האט געקענט "היילן" מענטשן מיט "ערנערגי" דורך זיין הענט. ווען איינער האט געהאט א ווייטאג אין די משפחה, האט ער געלייגט זיין האנט אויפן פלאץ, און ער האט קאנצענטרירט, און דער ווייטאג איז אוועקגעגאנגען! אפילו דער ווייטאג איז נאר אוועקגעגאנגען צייטווייליגערהייט, איז יעדער איינער נתפעל געווארן פון אים. ער האט נישט פארשטאנען פון וואו עס קומט דעם כח. נאר יארן שפעטער איז ער געוואר געווארן די אמתע מקור פון די כוחות...

בקיצור, נאכדעם וואס ברוך איז געווארן אביסל עלטער, האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל אנטוויקלען זיינע כוחות צו "היילן" מענטשן. דערפאר איז ער געפארן קיין ענגלאנד צו א סקול, וואו מען לערנט אויס מענטשן ווי אזוי צו "היילן" חולים מיט כוחות שלא על פי דרך הטבע. ווען ברוך איז ארויפגעגאנגען אויפן עראפלאן קיין ענגלאנד, האט ער זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז ער וועט, נאך גאר אן אינטערעסאנטע השתלשלות, אהיימקומען פרום.

איין טאג, ווען ער האט שטודירט אין יענע סקול, האט ער באמערקט אז די אנדערע סטודענטס רופן אים "דער איד," און זיי רעדן אויף אים אונטער זיין ריקן. עס איז געווארן שטארק נישט באקוועם פאר אים דארט. נישט נאר דאס, אבער ער האט אנגעהויבן חושד צו זיין דעם גאנצען תחום פון "היילן" מענטשן מיט כוחות. ווייל זיי האבן אים אויסגעלערנט אז די כוחות קומען פון נישט גוטע פלעצער. ער איז זייער דערשראקן געווארן דערפון. העלפן מענטשן האט ער יא געוואלט טון, אבער נישט אויף אזא אופן! צוליב די אלע סיבות, איז ברוך צוביסלעך אפגעקילט געווארן פון דעם גאנצן זאך.

ער האט געוואלט אביסל אפרוהן פון דעם ענין. וועגן דעם איז ער געגאנגען צו זיין אביסל אין לאנדאן מיט א פרייער ארץ ישראל'דיגער משפחה. איין טאג איז ער געגאנגען אויפן וועג דורך די קליינע געסלעך פון "גאלדערס גרין" ווען ער האט געהערט דעם זיסען קול פון א יונגעל זינגען אין אידיש, "א סוכהלע א קליינע..." ער האט זיך אפגעשטעלט אויף זיין פלאץ, צוהערנדיג דעם קול, בייגן זיך זיין קאפ צו געוואר ווערן פון וואו עס קומט. דאס איז געווען דעם ניגון וואס זיין טאטע האט געזונגען צו אים אלס קינד!

כאטש אפילו אז זיינע עלטערן זענען נישט געווען אזוי פרום, האט זיין טאטע יא געבויט א סוכה יעדעס יאר. בשעת זיין טאטע האט געבויט דער סוכה, האט ער געזונגען דעם ליד. ברוך איז געגאנגען דורך די געסלעך, זוכן דעם קול. פלוצלינג האט ער געזען א גרויסע סוכה אין א גארטן לעבן א הויז. ברוך האט זיך שטארק געבענקט אויף ארץ ישראל. ער איז געקומען צו דעם אנערקענונג אז ער איז שטארק נישט צופרידן געווען אין דעם סקול, אין דעם פרעמדען לאנד. זיין אויגן זענען אנגעפילט געווארן מיט טרערן.

פלוצלינג איז ארויסגעקומען א פרומער איד וואס האט איינגעלאדענט ברוך טיילצונעמען אין א חול המועד סעודה. ברוך איז אריינגעקומען צום סוכה און מען האט פארשאפט פאר אים א קאפעל. איינער האט אים געוויזן דעם סדר פון נטילת ידים, און דאן האט ער זיך אראפגעזעצט צו עסן דער סעודה. ער איז נתפעל געווארן צו זען דעם לעבעדיגקייט פון א גרויסע אידישע משפחה, מיט קינדער לויפן ארום, ב"ה. די קינדער האבן אים אויפגענומען מיט א ווארעמקייט, עס איז געווען א אמתע קידוש ה'.

אין מיטן די סעודה האט ברוך געפרעגט דעם בעל הבית, וואס זיין משפחה נאמען איז. "וויגמאן," האט דער בעל הבית געענטפערט. "וויגמאן?!? איך הייס אויך וויגמאן!" האט ברוך געזאגט. יעדער איינער איז געווארן שטיל אין דער סוכה. "ווי אזוי הייסט דיין טאטע," האט דער בעל הבית געפרעגט ברוך. "מרדכי" איז געווען זיין ענטפער. "דו ביסט מרדכי'ס זון? איך קען עס נישט גלייבן! מרדכי איז מיין ברודער, איך בין דיין פעטער!"

ברוך'ס פנים איז געווארן ווייס, אין זיין מח איז געלאפן. ער האט זיך דערמאנט אז זיין טאטע איז טאקע אויפגעוואקסן פרום! אבער, ער האט קיינמאל נישט געוואוסט אז זיין טאטע האט א ברודער. די השגחה פרטית איז געווען מורא'דיג. דער בעל הבית האט גענומען זיין שוועסטערקינד ברוך, און ער האט אים געהאלזט און געקושט. ביידע האבן געוויינט טרערן פון התרגשות געמישט מיט שמחה.

ברוך ה' אז אין יענע טאג האט ברוך אנגעהויבן צו טוישן זיין גאנצען לעבן. ער האט ב"ה פארלאזט דעם סקול אינגאנצען. ער נוצט שוין נישט מער זיין כוחות אפילו צו "היילן" מענטשן, ווייל ער האט געלערנט אין דעם סקול אז די כוחות קומען פונעם סטרא אחרא, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. יארן שפעטער איז ער איבערראשט געווארן צו ליינען וואס איינער פון דעם סטייפלער גאון'ס תלמידים האט נאכגעזאגט אין דעם סטייפלר'ס נאמען, "מאנגליה הגיע לארץ אחד שהיה מרפא את החולים במשמוש ידים שהיה מעביר על גופם, ואמר לי מו"ר [הסטייפלר] שזה כישוף!" ד"ה, איינער איז אמאל געקומען פון ענגלאנד, וואו ברוך האט געלערנט, קיין ארץ ישראל און דער מענטש פלעגט "היילן" קראנקע מענטשן מיט אנרירן זיין הענט אויף זייערע קערפער, און דער סטייפלר גאון זצ"ל האט געזאגט אז עס איז כישוף! (מובא בספר "אורחות רבנו" מאת ר' אברהם הורוויץ ז"ל, חלק א' עמוד ר"צ) ברוך ווייסט די אמת פון די גאון'ס ווערטער, ווער ער האט עס דורכגעלעבט!

אין די וואכעדיגע סדרה ליינט מען די עשרת הדברות וואס זענען די יסודות פון אידישקייט. עס שטייט אין די הייליגע תורה, "לא יהיה לך אלהים אחרים..." רש"י זאגט אויף דעם פסוק, אז עס זאל נישט זיין צו דיר געטער, וואס אנדערע האבן געמאכט אויף זיך פאר געטער. ד"ה אידן מוזן נאר גלייבן און דאווענען צום באשעפער. דאס האט אונזער ברוך פון דעם מעשה פארשטאנען. און אזוי מוז מען אויך גלייבן, ד"ה אז נאר דער אייבערשטער האט כח איבער אונזערע לעבן. דורך שטארקען זיך אין אמונה אין דעם באשעפער אליינס, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו עכטע רפואות און ישועות און אלעס גוטס. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ האשה החשובה לאה בת ר' דוד ע"ה, י"ח שבט

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה-יוטא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה •

לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**